בס"ד

# פון פלאָצקער גאון

## הגאון רבי ארי' לייב צינץ ז"ע

### אויף אידיש

געקליבענע געדאנקען אויף די פרשה

פרשת בהעלותך
תשפ"ה
גליון קמ"ז
שנה ד'

### חוץ די קדושה וואס יעקב אבינו האט מקדיש געווען די בכורים און שבט לוי האט דער אויבערשטער אליין זיי גענומען שפעטער צו זיך

**כי נתונים נתונים המה לי מתוך בני ישראל תחת פטרת כל רחם בכור כל מבני ישראל לקחתי אותם לי. כי לי כל בכור בבני ישראל... ביום הכותי כל בכור בארץ מצרים הקדשתי אותם לי. ואקח את הלוים תחת כל בכור בבני ישראל. ואתנה את הלוים נתונים לאהרן ולבניו מתוך בני ישראל...** (ח, טז-יט)

מען דארף דא מדייק זיין אפאר דיוקים: א. וואס איז די כפל לשון "**נתונים נתונים**"? ב. לכאורה איז "**מתוך בני ישראל**" איבעריג, ווייל דער פסוק זאגט דאך ווייטער "**תחת פטרת כל רחם בכור כל מבני ישראל**"? ג. וואס פעלט אויס די אריכות פון "**כי לי כל בכור... ביום הכותי כל בכור בארץ מצרים**", וואס איז א נפקא מינה פון ווען אן די בכורים האבן א קדושה? ד. פארוואס זאגט די פסוק נאכאמאל איבער "**ואקח את הלוים תחת כל בכור... ואתנה את הלוים נתונים לאהרן ולבניו**"?

נאר אינ'אמת'ן איז שוין שבט **לוי** לכתחילה געהייליגט געווארן פאר'ן אויבערשטן, אזויווי דער מדרש זאגט (בראשית רבה ע, ז) אז יעקב אבינו האט דאך געמאכט א נדר "וכל אשר תתן לי עשר אעשרנו לך" אז ער גייט אלעס מעשר'ן פאר'ן אויבערשטן, און ער האט געהאט 12 זין האט ער דאך געדארפט מקדיש זיין איין זון פאר'ן אויבערשטן, און לוי איז ארויס דער 'מעשר'.

אבער אויב זייער קדושה וועט זיך נאר רעכענען פון יעקב אבינו קומט דאך אויס אז די בכורים דארפן אויך האבן די זעלבע קדושה ווי די לויים, ווייל דארט אין מדרש שטייט דאך אז קודם האט יעקב אבינו אפגעשיידט די 4 בכורים פון די 4 אמהות וואס זיי האבן קדושת בכור, און נאכדעם האט ער מפריש געווען לוי פאר מעשר, איז אויב שבט לוי'ס קדושה רעכנט זיך פון דעמאלטס, דארפן די בכורים האבן פונקט די זעלבע קדושה.

וועגן דעם קומט די תורה זאגן, אז בנוסף צו דעם וואס יעקב אבינו האט שוין לכתחילה מקדיש געווען די בכורים האט **דער אויבערשטער אליין** זיי גענומען און מקדיש געווען פאר אים בשעת מכת בכורות, און יעצט נעמט ער אנשטאט זיי שבט לוי. ממילא אויב דאס איז שוין נישט געבויעט אויף די ערשטע קדושה פון יעקב אבינו נאר אויף וואס **דער אויבערשטער אליין** האט זיי מקדיש געווען, קען ער זיך יעצט אויסוועלן צו נעמען שבט לוי אנשטאט די בכורים.

אבער אויב די קדושה וואלט נאר געווען געבויעט אויף די שפעטערע קדושה פון יציאת מצרים, וואלט געווען א טענה פארוואס ווערט פונקט **שבט לוי** אויסגעוועלט אנשטאט די בכורים? וועגן דעם קומט די תורה זאגן אז הגם מען רעכנט דא די קדושה נאר וואס דער אויבערשטער האט גענומען די בכורים צו זיך ביי מכת בכורות, פונדעסטוועגן גייט אויך אן די **ערשטע קדושה** פון יעקב אבינו, און וועגן דעם ווערט דוקא **שבט לוי** אויסגעוועלט אנשטאט די בכורים.

לויט דעם איז זייער שיין פארענטפערט אלע דיוקים: דער פסוק זאגט א דאפלטע לשון "**נתונים נתונים המה לי**" צו זאגן אז "**כי נתונים**" דאס וואס שבט לוי איז געגעבן געווארן פאר'ן אויבערשטן צו דינען אין משכן, איז אינ'אמת'ן "**נתונים המה לי**" ווייל זיי זענען שוין לכתחילה געגעבן געווארן פאר'ן אויבערשטן "**מתוך בני ישראל**" פון **יעקב אבינו'ס** קינדער וואו לוי איז ארויס דער 'מעשר'.

אבער באמת רעכנט זיך נישט זייער קדושה נאר וועגן יעקב אבינו, ווייל אויב אזוי וואלטן דאך די בכורים אויך געדארפט בלייבן מיט זייער קדושה, ווייל יעקב אבינו האט דאך דעמאלטס אויך מפריש געווען די בכורים? וועגן דעם זאגט דער פסוק אז די קדושה פון שבט לוי איז א נייע זאך: "**תחת פטרת כל רחם בכור כל**" אז אנשטאט די בכורים "**לקחתי אותם לי**" האט **דער אויבערשטער אליין** זיי יעצט גענומען צו זיך.

און דער פסוק איז ממשיך "**כי לי כל בכור בבני ישראל... ביום הכותי כל בכור בארץ מצרים הקדשתי אותם לי**" אז די קדושה פון די בכורים איז נישט ווייל יעקב אבינו האט זיי מקדיש געווען, נאר ווייל דער אויבערשטער אליין האט זיי גענומען צו זיך ביי מכת בכורות, איז ממילא אויב אזוי "**ואקח את הלוים תחת כל בכור בבני ישראל**" נעמט ער יעצט שבט לוי אליין אנשטאטס די בכורים, ווייל זייער קדושה איז נישט געבויעט אויף דעם וואס יעקב אבינו האט זיי מקדיש געווען.

מען קען אבער נישט קומען מיט א טענה און פרעגן, פארוואס איז פונקט שבט לוי אויסגעוועלט געווארן? ווייל בעצם געהערט דאך שבט לוי צום אויבערשטן פון ווען יעקב אבינו האט אים מקדיש געווען, איז גענוג אז מען דארף יעצט רעכענען די קדושה פון שפעטער און מוותר זיין אויף די בכורים הגם זיי געהערן דאך אויך צו אים פון יעקב אבינו אן, און כאטש אויף אזויפיל "**ואתנה את הלוים נתונים לאהרן ולבניו**" אז לכל הפחות די לויים וועל איך געבן צו דינען אין משכן ווייל באמת געהערן זיי דאך פון אנפאנג אן צום אויבערשטן.

### מיט'ן גוטס טון פאר יתרו וועט מען מעורר זיין די געוואלדיגע שפע אויבן אין הימל

**ויאמר משה לחובב בן רעואל המדיני חותן משה נוסעים אנחנו אל המקום אשר אמר ה' אותו אתן לכם לכה אתנו והטבנו לך כי ה' דבר טוב על ישראל.** (י, כט)

פארוואס האט משה רבינו געדארפט זאגן פאר יתרו קום מיט אונז "**והיטבנו לך**" און מיר וועלן דיר גוטס טון, לכאורה איז דאס נישט נוגע צום ענין, ווייל ער האט דאך דא נאר געוואלט אז יתרו זאל מיטקומען מיט אים, און עס איז מובן מאליו אז מען וועט גוטס טון מיט אים? אזוי אויך דארף מען פארשטיין דעם אויספיר וואס ער ענדיגט "**כי ה' דיבר טוב על ישראל**", וואס האט דאס צוטון מיט יתרו'ס קומען?

נאר כדי א איד זאל זוכה זיין צו באקומען א שפע פון הימל מוז ער מעורר זיין אן 'אתערותא דלתתא' דא אונטן דורכדעם וואס ער געבט צדקה און מיט דעם עפנט ער אויף אויבן אין הימל די שערי השפע אראפצושיקן פון הימל אלע גוטע השפעות. און וועגן דעם זאגן חז"ל, אז נאכמער וואס דער עושר טוט מיט'ן ארעמאן אז ער געבט אים צדקה - טוט דער ארעמאן מיט'ן עושר אז דורכדעם עפנט זיך אויף פאר'ן עושר א גרויסע שפע.

לויט דעם פארשטייט מען זייער גוט וואס משה רבינו האט געזאגט פאר יתרו: **"נוסעים אנחנו אל המקום אשר אמר ה' אותו אתן לכם"** מיר גייען יעצט ארויס אויפן וועג צו די גוטע לאנד וואס דער אויבערשטער האט אונז צוגעזאגט, אבער כדי מעורר צו זיין צו די געוואלדיגע שפע אויבן דארפן מיר מאכן אן אתערותא דלתתא, ממילא בעט איך דיר **"לכה איתנו"** קום מיט מיט אונז, **"והיטבנו לך"** און אונז וועלן מיר גוטס טון מיט דיר, און מיט דעם וועלן מיר מעורר זיין די גרויסע שפע אויבן, **"כי ה' דיבר טוב על ישראל"** ווייל דער אויבערשטער האט צוגעזאגט גוטס פאר די אידן, אבער עס פעלט אויס צו טון עפעס דא אונטן מעורר צו זיין דעם שפע, איז אויב מיר וועלן דיר גוטס טון וועט דאס זיין דער צינור דורך וועלכע מיר וועלן ממשיך זיין די גרויסע שפע פאר כלל ישראל.

## יתרו דארף נישט חושש זיין אז מען וועט זיך אפלערנען פון אים נישט גוטס

**ויאמר אליו לא אלך כי אם אל ארצי ואל מולדתי אלך. ויאמר אל נא תעזוב אותנו כי על כן ידעת חנותנו במדבר והיית לנו לעינים.** (י, ל-לא)

פארוואס טאקע האט יתרו נישט געוואלט מיטגיין מיט די אידן נאך וואס משה רבינו האט אים צוגעזאגט אז מען גייט אים נאר גוטס טון? און וואס איז געווען משה רבינו'ס ענטפער פון "והיית לנו לעינים" אים צו איבערצייגן יא מיטצוגיין?

נאר די גמרא זאגט (יבמות מז:) "קשים גרים לישראל כספחת" אז גרים זענען נישט גוט פאר די אידן, און רש"י איז מסביר, ווייל די גרים זענען נאך צוגעוואוינט צו זייערע אלטע נישט גוטע מעשים פון אלס גוים און דאס טויג נישט ווייל די אידן קענען זיך אפלערנען פון זיי.

וועגן דעם, ווען משה רבינו האט געבעטן פון יתרו מיטצוגיין מיט די אידן קיין ארץ ישראל האט ער געזאגט **"לא אלך"** איך וויל נישט מיטגיין מיט די אידן, אפילו מען זאגט מיר טאקע צו אז מען וועט מיר גוטס טון, אבער פאר די אידן לוינט זיך דאס נישט ווייל אפשר וועלן זיי זיך אפלערנען פון מיינע אלטע מעשים, איז בעסער **"כי אם אל ארצי ואל מולדתי אלך"** אז איך זאל אהיימגיין צו מיין שטוב מגייר צו זיין מיין משפחה, און צווישן זיי האב איך נישט קיין פראבלעם צו וואוינען.

האט אים משה רבינו געענטפערט: **"אל נא תעזוב אותנו"** איך בעט דיר קום יא מיט מיט אונז, און דו דארפסט נישט חושש זיין אז מיר וועלן זיך אפלערנען פון דיר עפעס שלעכטס. **"כי על כן ידעת חנותנו במדבר"** ווייל דו ביזט דאך שוין מיט אונז אין מדבר א לענגערע צייט, **"והיית לנו לעינים"** און דו האסט אונז לעכטיג געמאכט די אויגן מיט די גוטע עצה צו שטעלן שרי אלפים און שרי מאות, זעסטו דאך אז מיר לערנען זיך אפ פון דיר גוטע זאכן, איז דאך נישטא וואס מורא צו האבן אז מיר וועלן זיך אפלערנען פון דיר עפעס נישט גוטס.

## משה רבינו האט גארנישט פארלוירן פון זיין נבואה והא ראיה ווייל קיינמאל איז נישט געווען קיין גרעסערע נביא ווי אים

**אספה לי שבעים איש מזקני ישראל... ואצלתי מן הרוח אשר עליך ושמתי עליהם...** (יא, טז-יז)

דער מדרש זאגט (במדבר רבה טו, יט) אז ווען די 70 זקנים האבן באקומען די נבואה פון משה רבינו, איז גארנישט פארמינערט געווארן פון משה רבינו'ס נבואה. דאס איז א משל ווי א לעכט וואס מען צינדט אן פון דעם נאך לעכט, ווערט גארנישט ווייניגער דער לעכט פון וואס מען האט אנגעצינדן. אזוי אויך דא האט גארנישט געפעלט פון משה רבינו'ס נבואה, ווי דער פסוק זאגט: "ולא קם נביא עוד בישראל כמשה".

לכאורה דארף מען פארשטיין, וואו איז די ראיה פון "ולא קם נביא בישראל כמשה" אז משה רבינו איז גארנישט ווייניגער געווארן, אפילו ער איז יא ווייניגער געווארן קען ער נאכאלץ בלייבן די גרעסטע נביא אין כלל ישראל?!

קען מען זאגן אז די ראיה איז, ווייל אויפן פסוק "ולא קם נביא בישראל כמשה" איז דער מדרש מדייק (במדבר רבה יד, כ) אז דוקא **בישראל** איז נישט געווען נאך א נביא ווי משה רבינו, אבער להבדיל ביי די גוים איז יא געווען אזא נביא, דאס איז געווען בלעם הרשע. זעט מען דאך, אז הגם משה רבינו איז געווען מצד הקדושה און להבדיל בלעם מצד הטומאה, איז אבער זייער נבואה געווען אייניג זה לעומת זה.

יעצט אויב וואלט משה רבינו'ס נבואה אביסל פארמינערט געווארן בשעת'ן איבערגעבן פאר די 70 זקנים, וואלט דאך אויב אזוי בלעם - וואס איז געווען שקול פונקט ווי משה רבינו - אים געדארפט איבערשטייגן... און אז דער פסוק זאגט אז ביי די אומות העולם איז געווען א נביא **פונקט ווי משה** אבער נישט מער, איז א ראיה אז פון משה רבינו איז גארנישט פארמינערט געווארן.

# די הייליגע צוואה

ומי שישתדל בהדפסתן
יהי' לו המחבר למליץ
אם יהי' לו זכות




**איר קענט שיקן קוויטלעך צום ציון הק' להפקד בדבר ישועה ורחמים**

**פאראינטערעסירטע ביטע פארבינדט אייך צום מערכת**

הגליון נתנדב ע"י

הרבני הנכבד
הר"ר **משה אברהם ווידער** הי"ו
לרגל נישואי בנו
החתן **יוסף יושע** נ"י למז"ט

זכות הפצת תורת רבינו זי"ע
יגן בעדו שהזיווג יעלה יפה ויזכה לבנות
בית נאמן בישראל


**מנדב צו זיין א גליון לשבוע זוכה צו זיין להבטחת הצדיק, אדער אנטייל צו נעמען אין די הוצאות, ביטע זיך ווענדן צו.**
gilyonplotzk@gmail.com | plotzk.org | (929) 260-4868